**לערנער יוסף=יהודה** (13/I 1847 —
23/I 1907) געב. אין באַרדיטשעוו. ביז
13 יאָר געלערנט יידישע לימודים, דאַן
אַוועק קיין זשיטאָמיר, וואו ער האָט



באַזוכט די גימ=
נאַזיע, 1866 זיך
באַזעצט אין אָדעס,
אַ יאָר צייט גע=
ווען אַ פרייער
צוהערער אויפן
יורידישן פאַקול=
טעט פון ניירו=
סישן אוניווערסי=
טעט, דערנאָך זיך אָפּגעגעבן דער לי=
טעראַרישער טעטיקייט, וועלכע ער האָט
נאָך פריער געהאַט אָנגעהויבן אין יידישן
„קול מבשר" (אין ערשטן יאָרגאַנג,
1862, 10—11, א"פ יוסף=יואל הערדנער
די ביאָגראַפיע פון דעם מערקווירדיקן
יידישן פאָלקס=מוזיקאַנט מכאל=יוסף גו=
זיקאָוו, ווי אויך די ביאָגראַפיע „אָראָ=
ביאָ", נומ. 22) און אין דער רוסישער
פרעסע, ווי Кіевскій Телеграфъ, 1865.
אין משך פון 10 יאָר איז ער געווען
אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון Одес-
скій Вѣстникъ, זיך אויך באַטייליקט
אין אַנדערע רוסישע צייטונגען, ווי Кіев-
лянинъ, Новороссійскій Телеграфъ,
דער רוסישער ביילאַגע צו „הכרמל",
געשריבן אין די רוסישע צייטונגען אויך
וועגן יידישע ענינים, וועגן דער העב=
רעיִשער און יידישער ליטעראַטור. ער
איז בכלל געווען איינער פון די ער=
שטע צווישן דער נייער יידיש=רוסישער
אינטעליגענץ אָפּצושאַצן די באַדייטונג

און דעם זעלבסטווערט פון יידיש און
האָט דער ערשטער פּאָפּולאַריזירט די
יידישע ליטעראַטור פאַר די לעזער פון
רוסיש. זיין בראָשור Критическій раз-
боръ сочиненій И. Аксенфельда (אָדעס,
1869 (אויסצוגן דערפון אין דער רוסי=
שער ביילאַגע צו „הכרמל", 1867, 18—
21, טיילווייז ציטירט פון ז. רייזען אין
זיין בוך „פון מענדעלסאָן ביז מענדע=
לע", I, ז"ז 363—365) איז אפשר די
ערשטע ערנסטע קריטישע אַרבעט וועגן
אַ יידישן שריפטשטעלער. אין זיין אי=
בערגעגעבנקייט צו יידיש האָט ער, אַלס
אָנגעזעענער רוסישער זשורנאַליסט, דאָך
זיך ניט געשעמט אויך צו שרייבן יידיש
אין אַ צייט, ווען בטלנים האָבן דאָס
געהאַלטן פאַר אַן אומכּבוד, און האָט
אַרויסגעגעבן אַ בראָשור „אויס רבי" —
קעגן א. צווייפעלס ווערק „שלום על
ישראל" (אָדעס, 1868; וועגן דעם אויך
געשריבן אין Кіевлянинъ, 1869, 16),
„אַ בעשרייבונג פון דעם ערשטען מיסד
פונ'ם גרויסן הויז ראָטשילד ר' מאיר
אַנשיל מיט אַלע זיינע פינף זין" (אָדעס,
1869). גלייכצייטיק האָט ער אויך גע=
נומען אַן אָנטייל אין דער העברעיִשער
ליטעראַטור, געווען צווישן די, וואָס
האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף
קעגן דער אַלטער בטלנישער השכּלה,
און ווען א. ב. גאָטלאָבער איז אַרויס
מיט זיין פאַמפלעט „אגרת צער בעלי
חיים" קעגן קאָוונערן, האָט ל. אים אָפּ=
געענטפערט מיט אַ קאָנטרפאַמפלעט א"ט
„דורש אל המתים" (אָדעס, 1867), וואו
ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון קאָוו=
נער און די יונגע משכּילים און גרייפט
שאַרף אָן גאָטלאָבערן און די אַלטע
משכּילים בכלל פאַר זייער אָפּגעריסנ=
קייט פון לעבן, בטלנות און אויסגע=
דראָשענע טויטע מליצות. ער האָט

אויך אַרויסגעגעבן אין העברעיש אַ היסטאָרישע מאָנאָגראַפיע „הכוזרים" (אָדעס, 1866), אַ דערציילונג אויס דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד א"ט „ימים מקדם" (אָדעס, 1868), אַן איבערזעצונג פון דער רעדע, וואָס דער אַרציבישאָף דימיטרי האָט געהאַלטן בשעת דעם אָדעסער פּאָגראָם, א"ט „קול מורה" (אָדעס, 1871).— צוליב עפּעס אַ קרימי-נעלן פאַרברעכן איז ל. אַרום 1873 אַנטלאָפן קיין ווין און צוזאַמען מיט א. ב. גאָטלאָבער געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ העברעאישן זשורנאַל א"ט „הזמן", אָבער סמאָלענסקין האָט גאָטלאָבערן אָפּגע-רעדט פון דער שותפות מיט ל—ן; ל. אָבער האָט דעם זשורנאַל אַרויסגעגעבן א"ט „עמק שושנים". בשעת דער רוסיש-טערקישער מלחמה איז ל. צוזאַמען מיט די רוסישע זשורנאַליסטן מיטגעגאַנגען מיטן רוסישן מיליטער און אין משך פון 1878 אַרויסגעגעבן אין בוקאַרעשט אַ טאָגבלאַט *Записки Гражданина* (דער Систематическій *Указатель* литературы о евреяхפאַרצייכנט אגב ל—ס אַן אַר-טיקל וועגן דעם אָנטייל פון יידן אין דער דאָזיקער מלחמה, פאַרעפנטלעכט אין *Записки Гражданина*, אָדעס, 1877, ז' 93). אין בוקאַרעשט האָט ל. זיך באַקענט מיט דעם יידישן טעאַטער, וואָס איז דאַן געגרינדעט געוואָרן פון א. גאָלדפאַדן, און צוריקגעקומען קיין אָדעס, האָט ער באַשלאָסן זיך צו וויד-מען דעם נייעם פּרוכטבאַרן פעלד. ער איז אָבער ניט געווען באַפרידיקט מיט דעם כאַראַקטער פון דעם גאָלדפאַדע-נישן פאָלקסטעאַטער און געהאַט די אַמביציע צו שאַפן אַ טעאַטער, וואָס זאָל אויך קענען צופרידנשטעלן דעם אינטע-ליגענט. 1880 האָט ער איבערגענומען דעם מאַריענטעאַטער אין אָדעס, אין וועלכן עס האָט פריער געשפּילט גאָלד-פאַדענס טרופּע, און האָט אויפגעפירט אַ ריי יידישע פּיעסן פון דעם אייראָ-פּעיִשן רעפּערטואַר, וועלכע ער האָט אַליין איבערגעזעצט אָדער באַאַרבעט אין אַ גאַנץ ריינעם גוטן יידיש, ווי למשל, קאַרל גוצקאָווס טראַגעדיע „אוריאל אַקאָסטאַ", וואָס איז זינט ל. אַריין אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער און יאָרנלאַנג איז די שטרע-בונג פון יעדן אַמביציעזן יידישן אַר-טיסט אָדער אַרטיסטין געווען אויפצו-טרעטן אין דער באַרימטער טראַגעדיע (ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז די טראַגעדיע איבערגעזעצט געוואָרן אין פּערזען פון א. מאַרעווסקי פאַר דער „ווילנער טרופּע", אויך פון מ. ריוועס-מאַן פאַר דעם יידישן קאַמער-טעאַטער אין פּט"ב). אויך סקריבס „זשידאָווקאַ" אין ל—ס איבערזעצונג איז נאָך עד-היום פאַרבליבן אַ רעפּערטואַר-שטיק, הגם אין דעם וועלט-טעאַטער איז דאָס שטיק באַרימט ניט אַלס דראַמע, נאָר אַלס אָפּערע (מיט דער מוזיק פון הלוי). ל—ן געהערט אויך דער פאַרדינסט, וואָס ער האָט דער ערשטער אויפגעפירט די קאָמעדיע פון ד"ר שלמה עטינגער „סערקעלע". ער האָט אויך אַליין באַ-אַרבעט און פאַרפאַסט אַ גאַנצע ריי פּיעסן, דאָס רוב פון דער יידישער גע-שיכטע, ווי מאָזעסטאַלס „דבורה", „מנחם בן ישראל", „מוטער-ליבע" א"אַ; פון זיי זיינען שפּעטער געדרוקט געוואָרן: „יהודית / אַ היסטאָרישע דראַממאַ אין פיער אַקטען אונ פינף בילדער" (דרוק י. אַלאַפין, וואַרשע, 1888, ז"ז 40; אויך פאַרעפנטלעכט אין ספּעקטאָרס „פאַמי-ליען-פריינד" II א"ט „אָלאָפערן"); „זשי-דאָווקאַ / דיא יודין / אַ טראַגעדיע אין פינף אַקטען נאָך פערשידענע קוועללען

בעאַרבייטעט" (3טע אויפלאַגע, פ"ג פון י. לידסקי, וואַרשע 1903, ז"ז 68; פיל מאָל איבּעגעדרוקט, אַזוי ווי אויך „אוריאל אַקאָסטאַ", 1טע אויסגאַבע — אָדעס, 1885); „חנוכה" — אַ היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטן און 7 בילדער (וואַרשע, ז"ז 54); „דער פעטער משה מענדעלסאָהן /- אַ דראַממאַטישעס בילד אין איין אַקט, נאָך דעם דייטשען פאַר דער יודישער ביהנע בעאַרבייטעט" (וואַרשע, 1889, ז"ז 26). ל. האָט אויך צוגעצויגן אַלס שרייבער פאַר זיין טעאַטער שמרן, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין אָדעס, און אויפגעפירט מיט ערפאָלג שמרס פּיעסן „דער יידישער פריץ", „דער קאַטאָרזשניק", „דער פּראָצענטניק". אָבער דער מאַנגל אין פּיעסן איז געווען צו גרויס און לסוף האָט ל. אויסגעפּועלט ביי גאָלדפאַדענען אַ דערלויבּניש אויך אויפצופירן זיינע פּיעסן, און ווען גאָלדפאַדען איז צוריקגעק מען פון זיין טורנע איבער רוסלאַנד, האָבן זיי ביידע צוזאַמען מיט שמרן אָנגעפירט ווייטער דעם יידישן טעאַטער אין אָדעס, סוף-כל-סוף אָבער איז ל. אַרויסגעשטויסן געוואָרן און אינגיכן (סעפּטעמבער 1883) איז אַרויס די גזרה אויפן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, און ל. האָט זיך ווידער צוריקגעקערט צו ליטעראַרישער טעטיקייט. 1883—84 האָט ער באַזוכט דייטשלאַנד און פראַנקרייך אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער גרויסער מאָסקווער ציי‌טונג Русскія Вѣдомости, געדרוקט אויך זייער אַ סך אַרטיקלען אין פילע אַנדערע רוסישע צייטונגען. צוריקגעקומען קיין אָדעס, איז ער צוגעטרעטן צו איבּערזעצן גרעצס געשיכטע אויף יידיש, מאַכנדיק אייגנטלעך אַ קאָנקורענץ י. י. לינעצקין, וועלכער האָט נאָך פריער אָנגעהויבּן די דאָזיקע פאַר

יענער צייט גרויסע אונטערנעמונג. פון דער דאָזיקער איבּערזעצונג איז אָבער אַרויס בלויז איין ב. („יודישע געשיכטע פון נאָך עזרא", אָדעס 1887; די ווייטערע ב. זיינען איבּערגעזעצט געוואָרן אין יאָרן אַרום פון י. דינעזאָן און זיינען אַרויסגעגעבּן געוואָרן פון נ. ג. זאַקס, וואַ־שע 1898). פון זיינע אַנדערע אַרבּעטן אויף יידיש פון יענעם פּעריאָד צייכנט זיך באַזונדערס אויס זיין אָפּהאַנדלונג „דיא יודישע מוזע" (אין ספּעקטאָרס „הויזפריינד", II, ז"ז 182 — 198), איינע פון די ערשטע און שענסטע אַרבּעטן וועגן יידישן פאָלקסליד, פאַר וועלכן ל. ווייזט אַרויס אַ פיינעם חוש און אַ באַגייסטערטע ליבּע (ל. איז אגב אַליין געווען אַ גוטער מוזיקער און געשפּילט שיין פידל). אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג, וואו ער ברענגט אויך מוסטערן פון דער יידישער פאָלקס-פּאָעזיע, אַליין, ווייזט אויס, געזאַמלטע, טרעט ער אַרויס קעגן דער העבּרעיִסטישער מליצה, קעגן די „אָנהענגער פון לשון-קודש (וואָס) ווילען ניט ליידען, אַז רעכטע מענשען זאָלען שרייבען אין זשאַרגאָן", קעגן די „נאַציאָנאַליסטן", וואָס „מיינען אָדער לאָזען זיך איינרעדען, אַז אין איין נאַכט קען מען איבּערפיהרען אַלע יודען קיין פּאַלעסטינאַ און טאַקי תּוך כדי דבּור זאָלען זיי אַלע ווערין ארץ ישראל יודען מיט אַלע פּירושים"; קעגן די אַסימילאַטאָרן, „וואָס גלייבּען אַז אַ יודען איז לייכט אויס צו לערנען אַלע תּורות אויף איין פוס און איידער מען רירט זיך זאָלען זיי שוין רעדן אויף אַלע שבעים „לשונות"; קעגן די „מיוחסים", וואָס אַז זיי לאָזן זיך שוין אַראָפּ צו שרייבּן יידיש, „דאַרף דיא וועלט ניט פערגעסען וואָס פאַר אַ טובה זיי טוהען

איהר"; קעגן די, וואָס פאַרגיסן „פּאַלשע טרעהרען איבער דעם אָרימקייט פון זשאַרגאָן" אאַז"וו. פאַר ל—ס באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך איז אויך כאַראַקטעריסטיש זיין אַרויסטרעטונג אויף דעם „קערמעשיל, וואָס גוטע פריינד פונ'ם יודישען לשון האָבען געמאַכט אין אָדעססאַ ביי'ם דורכפאָהרען פון מ. ספּעקטאָר 19/VI 1889" (זע דעם באַריכט אין זמ"ה „דער קליינער וועקער"); ענטפערנדיק די רעדנער אלימלך וועקסלער, פעלדבערג א"אַ. האָט ל. געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע וועגן דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, אויסגעצייכט דורך איר פאָרם און דער יידישיסטישער אַרגומענטאַציע, מיט דעם אויספיר, אַז „כל זמן „יודען" וועלען זיין, וועלען זיי רעדען „יודיש", מיט אַנדערע וואָרטער: דער זשאַרגאָן וועט לעבען אַזוי לאַנג ווי די יודישע נאַציאָנאַליטעט... ווייל עס הייסט יודיש, עס איז יודיש". אין דער דאָזיקער רעדע האָט ער אגב אויך באַריהרט די יידישע ליטעראַטור, אַרויסטרעטנדיק מיט שטעכווערטלעך קעגן מענדעלע און ש"ע, מיט וועלכע ער איז, ווי'זט אויס, געווען צעריסן. אין דעם דערמאָנטן „קליינעם וועקער", ווי אויך אין זמ"ה „די קליינע יודישע ביבליאָטהעק" (זע אלימלך וועקסלער) האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט לידער, לידער אין פּראָזע, אַרטיקלען, אויך א"פ י. י. הערדנער. אונטער דעם דאָזיקן פ"ס האָט ער אויך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן ש"ע—ס „ר' סענדער בלאַנק און זיין פיל געשעצטע פאַמיליע" (אין „ביילאַגע פון יודישען פאָלקסבלאַט", 1888, 29). שפּעטער האָט ל. די דאָזיקע אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, באַגאַבטער שריפטשטעלער אין 3 שפּראַכן, פּיאָניער פון דעם יידישן קינסטלערישן טעאַטער, פון יידישן פאָלקלאָר, פון יידישער קריטיק, גוטער יידישער סטיליסט, זיך געשמדט. לויט א. קויפמאַן (וועלכער ברענגט אגב אייניקע פּרטים פון ל—ס ביאָגראַפיע, למשל, אַז ער איז געווען אַ לערער אין דעם חדר פון דעם באַוואוסטן אָדעסער משכיל מ. זשוויף) האָט ל. שוין אין די 80קער יאָרן געשריבן שאַרף אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין אָזמידאָווס שוואַרצמאאהדיקן אָרגאַן Новороссійскій Телеграфъ און געשטאַנען אויף דער וואַך פון רוסישן שאָוויניזם: „אַריינגעפאַלן אין דער דעמאָראַליזירטער סביבה פון דער פּריוואַטער אַדוואָקאַטור, האָט ער איינמאָל געפעלשט די אונטערשריפט פון זיינעם אַ קליענט, כדי צו פאַרכאַפּן יענעמס אַ גרויס הויז, האָט אָנגעשפּאַרט אין טורמע, פון וואַנען דער וועג איז געלעגן דירעקט אין דער רעדאַקציע פון דער יודאָפאָבישער צייטונג אריין. אַ געבירטיקער פון באַרדיטשעוו, אַ זון פון פרומע יידן, איז געוואָרן אַ פאַרברענטער יידנפיינד, אַ מיסיאָנער און אַ שתדלן ביי דער פּאָליציי. בשעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה, ווען איבער ל. האָט שוין געלויערט דער פּראָצעס, איז ער אַוועק קיין בוקאַרעשט, וואו ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין רוקן פון פון דער רוסישער אַרמיי עפּעס *Записки Гражданина*, אין וועלכע ער האָט אגב דעמאַסקירט דעם קאָרעספּאָנדענט פון Новое Время אין אונטערהאַנדלונגען מיט די ליוועראַנטן וועגן באַצאָלן דער יידנפיינדלעכער צייטונג אַ היבשע קאָנטריבוציע פאַר ריינוואַשן די ליוועראַנטישע מיסברויכן. און אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט דער דעמאַסקירער פון דער Новое Время אַליין זיך פאַרבונדן מיט דער יידנפיינדלעכער פּרעסע. ס'איז ניט געווען די געמיינהייט, וואָס זאָל ניט גע־

פּינען אַן אָרט אין די אַרטיקלען, וואָס עס האָט געשריבן די פּען פון דעם מחבר פון דער אָקאָרשטיקער אַפּאָלאָגיע פון יידנטום" (קויפמאַן מיינט ל—ס בראָשור Майоръ Османъ-бей передъ судомъ здраваго смысла — אָדעס, 1871, אַ הייסער אָפּענטפער דעם אַווטאָר פון דעם אַנטיסעמיטישן פּאַמפלעט О покореніи міра евреями, וועלכער איז זיך צעגאַנגען אין עטלעכע אויפלאַגעס אויף רוסיש און פראַנצויזיש). ווי אַזוי די דאָזיקע פאַקטן לאָזן זיך פאַרבינדן מיט דער שפּעטערער טעטיקייט ל—ס אויפן געביט פון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער, איז אונז שווער פעסטצושטעלן, בּפרט אַז מיר האָבן ניט געפונען אין דער יידישער, העברעישער און רוסישיידישער פּרעסע קיין שום נעקראָלאָג פון דעם אַמאָל באַוואוסטן און טעטיקן שריפטשטעלער. איינע פון ל—ס לעצטע אַרבּעטן איז געווען זיין בּראָשור Евреи въ Новороссійскомъ краѣ (אָדעס, 1909); געשריבן אויפן גרונד פון די מאַטעריאַלן אויס דעם אַרכיוו פון דעם געוועזענעם ניירוסלענדישן גענעראַל־גובּענאַטאָר, אַנטהאַלט די דאָזיקע אַרבּעט אַ סך נייע ידיעות איבּער דער געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד. פון זיינע אַנדערע רוסישע אַרבּעטן זיינען באַקאַנט: Вольнымъ о неволѣ — וועגן דעם מצב פון די רוסישע האַנדלסהייזער (?) אין רוסלאַנד (אָדעס, 1875); Благодѣтели — אַ דראַמע אין 5 אַקטן (פּט"ב 1875); Татарбунарская ложь и Кутаисская дѣйствительность—קעגן דעם קוטאַיסער עלילת־דם (אָדעס, 1880). זיין זון, ניקאָלאַי ל., אַ קריסט, איז באַוואוסט אַלס רוסישער ליטעראַטור־היסטאָריקער, בּפרט אַלס פּושקין־פאָרשער.

„ספר זכרון" (לויט דער מיטיילונג פון ניקאָלאַי ל. זאָלן די דאַטן וועגן ל. אין „ספר זכרון" זיין ניט גאָר קיין ריכטיקע); JE, III; ЕЭ, X; א. קויפמאַן, זכרונות, אין Евр. Старина, 1913, ז"ז 212—213; גאָרין, „געשיכטע פון אידישען טעאַטער", I, ז"ז 227—229; א. פרידקין, „א. ב. גאָטלאָבער", ז"ז 296—297, 329; ש. בּאָראָוואָי, „א פאַרגעסענער ניהיליסט", „פילאָלאָגישע שריפטן", III, ז"ז 473—484.